# אַסטאַל און אײַבל

זאַמלבוך

2

אהרן ציטלין, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי,
ש. י. אימבער, רחל ה. קאָרן, יצחק באַ-
שעוויס, ישראל אשענדאָרף, י. י. טרונק

וואַרשע : : : : : : : : : 1931

גיי דער נאָציע, וואָס איז צו זיך נישט־אויפריכטיק אין איר לעצטער שעה; דריי מאָל ווי דער נאָציע, וואָס בויט אירע האָפנונגען אויף דער זעלבסט־גענאַרעריי.

יידישע זעלבסט־דערקענונג, זיך אינערלעך אויפבויען — אַזוי הייסט אונז צו דאָס שיקזאַל. דאָס איינציקע ברעט זיך צו ראַטעווען. Nosce te ipsum! דערקען זיך אַליין, יידישער מענטש! דיין האָפנונג, דיין ווידערגעבורט, אפשר — דיין זיג...

דער יידישער הומאַניזם, דער יידישיזם, איז דער איינציקער וועג צו דער יידישער זעלבסט־דערקענונג.

מיר, די קאָנסעקווענטע יידישיסטן, האָבן דעם וועג באַטרעטן. מיר האָבן אָנגעהויבן די שווערע, מי־פולע טאַט פון דערקענונג. חער עס וואַקלט זיך נאָך אין אונזערע רייען, זאָגט:

— אייערע פערספעקטיוון, איר הייפעלע יידישע הומאַניסטן, זענען טרויעריקע. ווער איר אויסהאַלטן דעם פרווו? וועט איר דאָס גרויסע ווערק פון יידישער זעלבסט־דערקענונג צופירן צו דער פולענדונג? וועט איר מיט אייערע שוואַכע הענט אָפּווערן דאָס פאַטאַלע פונם שיקזאַל? וועט איר אויפבויען די יידישע געמיינזאַמקייט?

— טו־מיט אונזער אַרבעט, פרעגער, און דו וועסט וויסן. טאַט איז ווידערגעבורט. טאַט באַזיגט. וואָרים אַחוץ דער טאַט, וועמענס העבט זענען דען נישט צו קורץ, דיר צו געבן דעם ענטפער?

................

# אינהאַלט


זייט

אַהרן צייטלין—דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן (אַ גראָטעסק־שפּיל אין 4 אַקטן) 3

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — לידער . . . . . . . . . . . 87

ש. י. אימבער — לידער . . . . . . . . . . . . . 98

ריחל ה. קאָרן — ערד (דערציילונג) . . . . . . . . . 100

אַהרן צייטלין — לידער . . . . . . . . . . . . 134

יצחק באַשעוויס — אין לעצטע טעג (דערציילונג) . . . . . . . . 139

ישראל אַשענדאָרף — צוויי לידער . . . . . . . . . . . 152

י. י. טרונק — יידישיזם און יידישע געשיכטע (פּאָלעמישע שריפט) . 155


Demco, Inc. 3

מיר דאַרפֿן זיין נביאים און ווערן רעפּאָרטערן.
מיר מאַכן און מאַכן די ליטעראַטור,
מיר מאַכן די קולטור מיט דער מאַקולאַטור,
קונסט היינט, קונסט מאָרגן, טאַלאַנט-שמאַלאַנט —
און ס'שלאָפֿט אונזער גאָט ווי אַן אַלטער מוזיקאַנט
מיט אַן אָפּגעפּליקטן סמיטשיק אין דער קאַלטער האַנט,
דער פֿאַרשטיינערטער האַנט.

---

יצחק באַשעוויס

# אין לעצטע טעג

## I

ווען שמואל שמש איז געקומען אָנזאָגן דעם אַלטן ביאַלאָדרעוונער די בשורה, אַז דער זון זיינער, ר' נתן, איז נפטר געוואָרן אין ווינער שפּיטאָל, — האָט דער רב זיך אויפֿגעשטעלט אין דער גאַנצער גרויס, פֿאַרלייגט ביידע פֿויסטן אויפֿן טיש און אויסגעזען אַזוי, ווי ער וואָלט זיך געגרייט יענעם אַרויסצוטרייבן. ער האָט גולניש אַ קוק געטון אויף דעם קליינעם יידל מיטן איינעם גנבהש-שיקלדיקן אויג און אינעם קעצענעם טולופּל און אַ געשריי געטון:

— אַ שוטה!.. גיי, לאָמיך דיין פּרצוף נישט אָנקוקן!..

שמואל שמש האָט אַוועקגעלייגט די טעלעגראַמע אויפֿן טיש, אַ הויב געטון דעם לינקן אַקסל, ווי נאָך עפּעס אַ זאָג צו טאָן פֿון דער זייט, און זיך אַרויסגעשאַרט פֿון שטוב. דער רב האָט באַלד נאָך אים פֿאַרריגלט די טיר, צוויי מאָל פֿאַרשלאָסן און אַריינגעלייגט דעם שליסל אין דער קעשענע פֿון זיינע קורצע הויזן. דער הויכער, טיף-ווינקלדיקער שטערן זיינער איז שטאַרק רויט געוואָרן, ווי פֿון בושה, די לאַנגע מתנגדיש-פֿאַרקיילעכטע באָרד האָט אַ ציטער געטון און ער איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב, אַ צעקנעפּלטער, מיטן טלית-קטן ביז דער ערד, מיט צעשפּרייטע פֿיס און מיט שווערע אויסגעשטרעקטע הענט, ווי ער זאָל זיך האָבן עפּעס פֿאַרמאָסטן צו טאָן, נאָר דערווייל פֿאַרגעסן. ער האָט עמעצן אַ זאָג געטאָן איבער די ווענט:

— געגוג, איצט האָסטו שוין נישט וואָס צו נעמען!...

דער רב האָט אַראָפּגעלאָזט די פֿוירהענגלעך, אַן עפֿן געטון די דעמבענע טיר פֿון ספֿרים-שאַנק, ווי עפּעס אַרויסצונעמען און אַזוי געבליבן שטיין מיט ברייט-אויפֿגעהויבענע אַקסלען, אַן אָנגעשפּאַרטער, ווי ער וואָלט אַנטדרימלט געוואָרן. די לאַנגע האָריקע אויערן זענען אויסגעשפּיצט געווען צום זשומען פֿון אַן אויפֿגעוועקטער ווינטער-פֿליג און צו ערגיץ אַ ספּקדיקער קוואַקעריי ווייט הינטער די פֿענצטער. די וויעס זענען צוגעפֿאַלן און ס'האָט אויפֿגעשיינט פֿאַר זיי אין דער חלומדיקער בלויקייט אַ פֿייערדיק ראָד, ווי אַמאָל אין די קינדישע יאָרן. דער רב האָט זיך מיט אַלע כּוחות איינגעהאַלטן נישט אַנידערצופֿאַלן, אַ טראַכט געטון:

— די לעצטע קריעה...

די לאַצן פֿון דער סאַמעטענער קאַפּאָטע זענען שוין ביי ר' בינושן געווען פֿאַרנייט אויף פֿינף ערטער. זינט עטלעכע יאָר — זענען געשטאָרבן ביי אים פֿיר טעכטער, די רביצין, אַחוץ אייניקלעך. חסידים האָבן געטענהט, אַז דער רב איז נענש געוואָרן, ווייל ר'האָט געטשעפּעט מיט צדיקים, געדענקט, וואָס דער טריסקער האָט געזאָגט וועגן אים: אַז ר'וועט זיצן אויף יענער וועלט צווישן גרים...

דער רב האָט אַראָפּגעשלעפּט די שיך, איבערגעדרייט אַ באַנק, ווי אין תשעה-באָב, אַוועקגעזעצט זיך אויפֿן ראַנד און אַוועקגעלייגט אויף די קני דעם גרויסן ספֿר-איוב מיט די הילצערנע טאָוולען, אַ ירושה פֿון דורות. אויף די פּאָדער-בלעטער זענען דאָ געווען געדיכט פֿאַרשריבן מיט אַסך געציקלטע, אָפּגעמעקטע כּתבים יאָרצייטן פֿון דער גאַנצער פֿאַרצווייגטער און אַלטער משפּחה, קינות און נוסחאות פֿון מצבות. די בלוילעכע פֿאַרצייטישדיקע גליונות זענען געווען באַשיט מיט הגהות. דער רב האָט איצט מער נישט אַריינגעלאָזט דעם עולם, וואָס איז געקומען מנחם-אבל זיין, געזעסן פֿאַרמאַכט, געקריגן איינגאַנצן אַ געל פּנים. די אַלטע יידענע דבורה, דעם רבס אַ קרובה און שוין פֿופֿציק יאָר אַן עגונה — אַ קליינע, מיט אַ גרויסן שאַרפֿן טשיפּיק אויפֿן קאָפּ, אַן אויסגעדאַרטע, מיט אַ הויכער פּליצע — האָט אַ דערשראָקענע געברומט מענטשן אין די אויערן, אַז דער רב נעמט מער נישט אין מויל אַריין קיין עסן, האָט פֿאַר זיך



אַליין געקאָכט אויפֿן דרייפֿוס קליינע טעפּעלעך קאַשע, אַרומגעגאַנגען אין איר שטוב און נישט אויפֿגעהערט דזשאָמדזשען פֿון וויסטע חלומות און פֿון אַ קללה, וואָס הענגט איבערן הויז. שמואל שמש האָט ליידיקגייעריש געבראָטן קאַרטאָפֿל אין אַש פֿון דער קיך, געוויכערט אַ פֿויעריש הילצערן פּייקעלע, איינגעהערט זיך מיט דער געלער וואַטע אין אויער, צי דער רב רופֿט נישט פֿון יענער זייט דירה און ער האָט געטענהט:

— אַז די פּרנסה ווערט אַלץ קנאַפּער פֿון טאָג צו טאָג... רק מ'באַלאַמוטשעט...

נאָך ר' נתנס טויט האָט דער רב אינגאַנצן אויפֿגעהערט אָננעמען דין-תּורהס, נישט געגאַנגען אויף קיין חופּות, אַלץ אָפּגעשיקט צום דיין, געפּסקנט נאָר האַרבע שאלות. אַמאָל איינער פֿון די גרעסטע פּוסקים אין פּוילן און גאַליציען, דעם בערזשאַנערס אַ חבר און אַ מחבר פֿון דיקע שאלות-ותשובות, — האָט ר' בינוש די לעצטע יאָרן מער נישט געעפֿנט קיין קאָנווערטן, אַלץ אַריינגעלייגט אין ציכל מיט כּתב-ידן, געגאַנגען דאַווענען בלויז שבת אין דער פֿרי אין דער קאַלטער שול, וואו מ'ווערט געפֿרוירן אַפֿילו זומער, נישט געזען קיין חלפֿים. בעל-הבתים שונאים האָבן געטענהט, אַז ר' בינוש האָט אַוועקגעלייגט דאָס לערנען, לאָזט די שטאָט אויף הפֿקר און איז עוסק אין חקירה. זעלטן פֿלעגט זיך נאָך אַראָפּכאַפּן עמיץ נאָך אַן הסכּמה אָדער אַ רבל פֿון אַ דערבייאיק שטעטל איז געקומען צו פֿאָרן וועגן אַ היתּר-עגונה. ר' בינוש האָט געלאָזט יענעם אָפּוואַרטן טעג. צום סוף פֿלעגט ער אַרויסקומען צו אים אין הויז אַ צעקאָדלטער, מיט אויפֿגעהויבענע לאַנגע ברעמען, מיטן שליסל אין דער האַנט, ווי ער וואָלט בדעה געהאַט צו דערלאַנגען... ער האָט קרום אַ קוק געטון איבער יענעמס ספּאָדיקל, גערעדט אויף דו און געטענהט:

— לאָז מיך!... גיי דיר וואו דו ווילסט!... טיפּש!...

ר' בינוש פֿלעגט זיך אַוועקזעצן ביים טיש, אָנשפּאַרן דעם שטערן אין ראַנד פֿון אַ גלאָז, שווער שנאָרכן, אויפֿשטיין מיט אַ רויטן קיילעכיקן שראַם און נעמען גיין אַהין-און-צוריק איבער דער שטוב, פֿון ווינקל צו ווינקל, און אַזוי שווער. אַז דער דיל האָט

געציטערט אונטער אים. ר׳ בינוש האָט געוואוסט, אַז מ׳שיקט אויף אים די אַלע נסיונות דערפאַר, ווייל ער האָט קשיות אויף דער השגחה, פלעגט ביינאַכט איינשלאָפן בלויז אויף אַ האַלבער שעה, אויפשטיין שעהן פאַרטאָג איבערצוקוקן די חיבורים און צו שרייבן זיין צוואה. דער סאַמאָוואַר, וועלכן דער ייד האָט פון תמיד אָן אין דער צייט אַליין אויפגעשטעלט און געבלאָזן אין די קוילן אַריין, איז איצט געשטאַנען אַ קאַלטער, פול מיט אַש. קעגן דער רויטלעכער שיין פון בלעכענעם לאָמפ האָט דעם רבס ברייטער שאָטן געבראָכן זיך איבער ווענט, פאַרקראָכן צום באַלקן, געציטערט אויף די ווייס-געקאַלכטע לאָדן, ווי ער וואָלט געזוכט אַן עפענונג אַרויסצוכאַפן זיך... גאַנץ פרי, ווען די וואָלקנס אין מזרח האָבן זיך גענומען זוימען פייערדיק און רויט, פלעגט ר׳ בינוש שוין אָנטון טלית-ותפילין, האָט שטומערהייט און מיט מתנגדישער עקשנות געוויקלט ברייטע, אָפגעשפרונגענע רצועות, קוים געריררט מיט די ליפן. די אַלטע דבורה האָט נישט געקאָנט איינרוען, איז אויפגעשטאַנען, ווען ס׳איז נאָך געווען פינצטער, אַ נישט-אויסגעשלאָפענע אַרומגעדרייט זיך מיטן בונט שליסלען אויפן בויך, איז אַרויסגעגאַנגען אָנקלייבן שפענדלעך און האָט געיאָגט זיך מיט די ציגן, וואָס שיילן גאַנצע נעכט די קאָרע פון האָלץ אונטער דער שאָפע. וויפל מאָל זי האָט געעפנט אַ שפעלטל אין טיר צו ר׳ בינושן און גענומען עפעס אַריינמורמלען מיט איר האָריק טיף-אַריינגעפאַלן מויל, האָט דער ייד אויף איר אָנגעשריגן:

— ניי, יידענע, מיש דיך נישט!... נישט דיין עסק!...

ר׳ בינוש פלעגט אומגעריכט אָנטון זיין אַטלעסן פוטער, טיף אַראָפרוקן דעם ברייטן ספאָדיק, אַליין זיך לאָזן גיין מיט דער לאַנגער שול-גאַס אַראָפ צום זאַמד צו. אין ביידע זייטן זענען דאָ אַראָפצו געשטאַנען הונדערט-יעריקע קאַשטאַן-ביימער און הינטער די קליינע פענצטערלעך פון די גויישע הייזלעך האָבן מדברדיק זיך געבלויט קופעס אָנגעיאָגטער שניי. דער ברונעם איז געווען באַוואָקסן אַרום מיט אַ גלאָזיקן באַרג אייז, האָט אַרויסגעקוקט אימהדיק און פינצטער, ווי אַן אָפן מויל. דער אַסוויר מיטן אייזערנעם טאָפ אויפן שפיץ האָט אַ גליווערנדיקער אַריבערגעקוקט ערגיץ איבער ווייס-



באַהיטלטע דעכלעך, גרייט געהאַלטן אַ צעשפאָלטענעם עמער פול מיט אייז... קראָען זענען דאָ אַרומגעגאַנגען וויגנדיק זיך אין דער ברייט, שווער געלופטערט די גרויע פליגל, געפיקט און אַ געפרירענער קאַץ, געקראַקעט קורץ, אויסגעזען ווי זיי וואָלטן דאָ אַרום עפעס געפאַרעט זיך און געמאָסטן... אַ וואַסערטרעגער מיט אַ פאַרעדיקער באָרד איז געבליבן שטיין פאַרן רב אַ פאַרחידושטער, מיט די נאַשעס קרום איבער די פלייצעס און דאָס וואַסער האָט זיך אוש געגאָסן איבער זיינע פאַרדאַרטע שטיוול. ר׳ בינוש האָט אים אָפגעשטעלט און ס׳איז שווער געווען צו וויסן, צי חוזקט ער אַזוי אָדער ער בייזערט זיך.

— קאַלט, ייד, און ווייב-און-קינדער ווילן עסן!.. הב-הב...

ר׳ בינוש פלעגט אַוועקגיין ביז צו די פעלדער, געקוקט צום טרעפיקן באַרג איבער יענער זייט סאַן אין קיר״ה, ווי ער וואָלט עמיצן אָפגעוואַרט פון דאָרטן, האָט אַלעמאָל פאַרבלאָנדזשעט צום בית-עולם. אינעם פלויט פון נישט-געהאַקטע שטיינער איז געווען אָנגעלענט אַן אַלט אָפגעוואַשט טהרה-ברעט. אויף דעם בלעכענעם דעכל פון אוהל איז געשטאַנען אַן איינציקע ווראָנע, אַ בלאָע, אַן איינגעהילטע און זי האָט עפעס אויסגעקוקט פון זייער וויט... מ׳האָט דאָ דערקאָנט פאַרוויעטע טריט פון נושאים, ברייטע און נאָענט-אָנגעטרעטענע. דעם קברות-יידס ווייב פלעגט אַרויסקומען מיט צעשנורעוולטע שיך און טענהן:

— הייליקער רבי! זאָל דער רבי אַריין אויף אַ מינוט זיך אָנוואַרימען!.. די קרירה איז סכנת-נפשות!..

ר׳ בינוש פלעגט אַריינגיין, איינבייגן דעם קאָפ פאַר דער נידעריקער טיר, כדי זיך נישט אָנצושלאָגן און ער האָט אַליין אָפגעקערט די שיך מיטן בעזים. די יידענע האָט אינדערגיך אויסגעווישט אַ בענקל מיטן פאַרטעך, עס אַוועקגעשטעלט ביים אָפגעקראָכענעם פאַרשוויצטן אויוון. אויף דער נאַסער פאָדלאָגע פון שטוב האָבן זיך אַרומגעדרייט הינער, ס׳זענען אַרומגעלאָפן קינדער אין די העמדלעך. ר׳ בינוש האָט גענומען אין ביידע הענט אַריין אַ טעפל ציקאָריע, אַריינגעבלאָזן, ווי אַן אָרימאַן אַן אורחי-פורחי און נישט אויפגעהערט אַריינשמייכלען אין דער באָרד.

— זיי לאָזן כאַטש שלאָפן, די ביאַלאָדרעוונער מתים, אַז!..

די יידענע האָט זיך געדרייט אויף איין אָרט, געבויגן זיך צו דער ערד, ווי זי וואָלט אינדערגיך געוואָלט עפּעס אויפהויבן און אַוועקרוימען, האָט פון דער העלער הויט אַראָפּגענומען אַ חומש און אַוועקגעלייגט אויפן טיש. די עופות האָבן זיך, אַפּנים, געשראָקן, געהויבן מיט די קורצע פליגל, ווי צו פליען, אונטערגעטענצלט, ווי געפּענטעטע. ר׳ בינוש פלעגט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ, נעמען לייכט סאָפּען, דראָבנע צושאָקלען, ווי אויף יאָ און — פלוצלינג אויפרייסן זיך אין דער גאַנצער גרויס, פול מיט אונטערוועגישער שרעק און צעטומלטקייט. אַ האַלב פּנים אינדערקרום איז ביי אים געווען רויט, ווי אָפּגעלעגן, דאָס אַנדערע האַלבע — בלאַס און געפרוירן. דער רב האָט שיער נישט אָנגערירט אין אָפּגעקראָכן־פייכטן בצליק מיטן שפּיץ פון זיין קאַלפּיק.

— כ׳בין אַלט, יידענע, און די כוחות גייען אויס!.. יישר־כוח, יידענע!..

## II

שוין טיף אין ווינטער אַריין האָט ר׳ בינוש ביאַלאָדרעוונער אַוועקגעשיקט אַ האַלב־באַשריבן קאַרטל קיין וואַרשע צו זיינס אַ תלמיד אַ מורה־הוראה:

לכבוד תלמידי הרב המאור הגדול וכו׳ אהרן מרגלית שליט״א אחדשה״ט הנני להודיעך שבא אני אי״ה בשבוע הזה לעירך בענין הדפסת חיבורי. בני נתן שעסק בענינים אלה, שבק חיים לכל חי בעווה״ר, ה׳ נתן וה׳ לקח ואני ערירי ל״ע, ימי שכיר ימי. נפשי יודעת מך ערכי כי משנתי עתה בעת זקנתי אינה קב ונקי ומי יודע אם אזכה את הרבים. אם תוכל להזמין לי מטה ושולחן מה טוב.

נאום הק׳ בינוש יהודה חונה פה ק״ק

ר׳ בינוש האָט נישט געוואַרט אויף קיין תשובה, תיכּף צומאָרגנס אָנגעזאָגט מ׳זאָל אים איינפּאַקן די זאַכן אין וועג. שמואל שמש האָט



געוויכערט אַ לעצט שטיקל פּאַפּיראָס אויף דער פאַרברענטער אונטערשטער ליפּ, געקראַצט אין דער לינקער פּאה, אַזוי לאַנג געקוקט ערגעץ מיט זיין איינעם שיקלדיקן אויג, ביז ר׳האָט אויסגעזאָגט, אַז ער, שמואל, האָט מורא מיטצופאָרן: דער וועג ביז רייוויץ צו דער באַן איז אַ שלעכטער און מ׳קערט איבער ביי יעדער נסיעה... ר׳ בינוש איז אָפּגעטרעטן פון אים אַ טריט אויף צוריק, פאַרשטעקט די הענט אין די קרומע קעשענעס פון זיין שלאָפראָק, אַ געשריי געטון:

— פחדן!.. כ׳פאָר אַליין!..

ס׳האָבן נישט געפעלט אַלע רייד און טענות, אַז דער שאָסיי איז צעבראָכן, די בלאָטעס זענען גרויס און אַז עס שמעקט ממש מיט פּיקוח־נפש. ר׳ בינוש האָט תיכּף גענומען פּאַקן זיינע כתבים אין לעדערנעם סעפעט, צעעפנט שופלעדער, אינדערגיך עפּעס אַ זאָג געטון וועגן דעם, אַז נאָכן טויט זיינעם וועט אפילו נישט זיין ווער ס׳זאָל זיינע פּאַפּירן פאַרברענען... די אַלטע דבורה איז דערפון אַזוי צערודערט געוואָרן, אַז זי האָט גענומען אומלויפן אַהין־און־צוריק איבער די שטובן מיט אַ פאַרפלאַמטער נאָז, ווי בעת מ׳דערהערט אַ בשורה־רעה, דערמאָנט זיך אין אירס אַ חלום מיט עטלעכע טעג צוריק, אַז דער רב איז מסוכן קראַנק, געשראָקן זיך, אַז ס׳וועט פון דעם וועג נישט אַרויס קיין גוטס. די גאַנצע צייט, וואָס מ׳האָט זיך דאָ געפּאָרעט און געפּאַקט, האָט זי זיך אַרומגעטראָגן פון ווינקל צו ווינקל מיט אַ האַנטעך, ווי זי וואָלט זיך געיאָגט נאָך עפּעס אַן אומגעזעען באַשעפעניש, אַזוי לאַנג געציטערט מיט איר קליין ווערצלדיק גאָמבעלע און געפּרוּאווט עפּעס זאָגן, ביז ר׳ בינוש איז שוין געזעסן אויף דער פור. ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט־צו. דער האַלב־נאַסער שניי אַרום הויז איז געווען צעטרעטן, באַשיט מיט האָבער און האָט געשמאָלצן אונטער די פערד. עטלעכע עלטערע בעל־הבתים זענען אַרויסגעקומען זיך געזעגענען, אָנגעטון דעם רב אַ פּאָר אומגעלומפּערט־גרויסע שטרויענע כאָדעקעס, אַרומגעהילט אים ביז די לענדן אין קאָצן. ר׳ בינוש האָט אויפגעשטעלט דעם הויכן קאָלנער פון זיין סאַמעטן פוטער, דערזען שטיין די אַלטע דבורה ביי דער טיר מיט הענט, וואָס האַלטן זיך קוים איין נישט צו פאַרברעכן זיך, און ער האָט איר נאָכגערופן:

— זיי געזונט, שטיא!..

ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל נאָך צוואַנציק יאָר, ווי דער רב איז געפֿאָרן אויף אַזאַ וועג און דערצו נאָך אַליין. ר' בינוש האָט תּיכּף, ווי זיין מנהג איז געווען, אָנגעהויבן לערנען גמרא מיט תּוספֿות אויסנווייניק, אַזוי געלערנט ביז ריייוויץ. אין באַן האָט מען ר' בינושן דערקאָנט, אים אויסגעבעט אויף אַ באַנק און ער איז איינגעשלאָפֿן. קיין וואַרשע איז ער אָנגעקומען צומאָרגנס ביינאַכט. אַ היימישער ייִד איז איינגעזעסן מיט אים אין אַ דראָשקע. ר' בינוש האָט אונטערגעלייגט אַ פֿאַטשיילע אויפֿן געזעס צוליב מורא פֿאַר שעטנז, זיך אָנגעהאַלטן מיט ביידע הענט נישט אַרויסצופֿאַלן, געטענהט:

— וואַ-וואַ, ווי סדום איז זיך דאָס צעוואַקסן!..

דער תּלמיד, דער וואַרשעווער מורה-הוראה, צו וועלכן ר' בינוש איז פֿאַרפֿאָרן, איז איצט שוין געווען גרוי, געהאַט אַ לאַנגע זילבערנע באָרד מיט צוויי שפּיצן און אַ יונג-בליענדיק פּנים מיט רויטע בעקלעך. ר' בינושן זענען נישט געפֿעלן זיינע צו-שיינע דירות, די הויכע רויטע טיר מיטן מעשענעם בלעכל, די גאָלדענע ברילן, וואָס ר'האָט געטראָגן, און דער קנייטש אויף זיין קאַרק. ס'איז גראָד געווען דאָ אַ גרויסע דין-תּורה. אויף פֿאָטעלן אַרום טיש זענען געזעסן דיקע צעקנעפּלטע דייטשן מיט געשווירענע בערד און האַרטע קאַפּעליושן, נקבֿות האָבן גערעדט הויך און געלאַכט. ר' בינוש איז תּיכּף און אונטעראייַלנדיק אַוועק אין זיין חדר-מיוחד צוזאַמען מיט זיין תּלמיד, האָט מיט הקפּדה אַ קוק געטון אויף דעם גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס האָט מאַט געברענט אויפֿן סופֿיט, און אַ זאָג געטון:

— וואַרשעווער רבנים האָבן שוין אינגאַנצן פֿאַרגעסן אין כּביכול!.. אפֿילו קיין זכר לחורבן זע איך דאָ נישט!...

דער ייִד איז געווען מיד, האָט געזאָגט, אַז ער וויל זיך לייגן, אָנגעהויבן אַרומגיין אַהין און צוריק און דאַווענען מעריבֿ, אַן איינגעבויגענער, מיט די הענט אין די אַרבל, ווי אונטערוועגס אין אַ פֿרעמדער אַכסניא... דער מורה-הוראה האָט אָנגענומען ביי אַ שפּיץ פֿון זיין באָרד, געעפֿנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן, זיך שטילערהייט אַרויסגעשאַרט און אַריינגעשיקט אַ דינסטמיידל זי זאָל אויסבעטן ר' בינושן אויף דער סאָפֿע. ר' בינוש האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן דורכן פֿענצטער, אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אין די ביישטילעכלעך.



ווייט ערגעץ אונטערן מילך-בלאָען, שרפֿהדיק-צעפֿלאַקערטן הימל האָבן זיך געוויגט קיילעכיקע לאָמפּן, נעפּלדיק-רייכע, גליווערנדיק בלוי-לעכע, ווי גרויסע לבֿנות... די געביידעס זענען פֿאַרריסן ביז צו די וואָלקנס, פֿול מיט באַלויכטענע שויבן און זיי זעען אויס ליידיק און אָן ממשות, ווי פּאַלאַצן פֿון מכשפֿים. די מענטשן דרייען זיך אַלע אויף איין אָרט, ווימלען אַרום, ווי מוראַשקעס, געדיכט און מיט בלאָנדזשנדיקער בהלה, גלייך זיי וואָלטן אַלע אויף איינמאָל בלינד געוואָרן... מאַשינען מיט בלוטיק-רויטע אויגן פֿליען דורך מיט אַ גרילצעניש, יאָגן זיך איינס דאָס אַנדערע, שלינגען זיך איין און ס'לויפֿן אָן אַלץ נייע און נייע, ווי אין אַ חלום... דער ביאַלאָדרעוונער איז לאַנג אַזוי געשטאַנען, בשום-אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, הלמאַי ס'איז אונטן אַזאַ אָנגעלייף, מיט כּעס אַ טראַכט געטון:

— אַלץ פֿאַר די יושבֿי קרנות!..

דער רב האָט לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. ביז האַלב-ביינאַכט האָט אונטן עפּעס געקנאַקט און געבראָכן זיך, דער דיל האָט געציטערט און געברומט. אויף די ווענט זענען אומגעלאָפֿן ליכטיקע שאָטנס. אַ המון מענטשן האָבן גערעדט אַלע אויף איין מאָל, געלאַכט. פֿאַרגאַנגען זיך אין הויכע קולות און געשרייען, ווי אין אַ גרויס מחלוקת, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַ חבֿרה לצים האָבן זיך דאָ אַוועקגעשטעלט און מאַכן כּלערליי תּחבולות, כּדי עמעצן מצער צו זיין און נישט צו לאָזן איינרוען... באַלד אינדערפֿרי האָט דער רב אָפּגעדאַוונט, נישט געוואָלט גאָרנישט פֿאַרזוכן און איז אַוועקגעפֿאָרן צום אַלטן דרוקער און מוכר-ספֿרים יאַקאָבי, וואָס האָט אַמאָל אַרויסגעגעבן זיינע חיבורים. אַמאָליקע צייטן פֿלעגט זיך פֿאָרען דערמיט ר' נתן, האָט אַלעמאָל געהאַט צו טון מיט מאַטריצן און בעלי-מגיה, פֿלעגט אָיועקפֿאָרן אויף גאַנצע וואָכן און אַכטונג געטון אַלץ זאָל אַרויס ווי ס'באַדאַרף צו זיין. ר' בינוש פֿלעגט באַקומען שוין אַ גרייט ספֿר, ליכטיק אָפּגעדרוקט מיט שיינע רש"י-אותיות, און ווייל דער זון פֿלעגט אים נישט דערציילן וועגן די חידושים פֿון דרוק, איז ר' בינוש ביזן סוף נישט דערגאַנגען רעכט דאָס פּאָרטל ווי אַזוי מ'מאַכט פֿון איין כּתבֿ-יד מיט קרומע, געמעקטע שורות טויזנטער

ספרים מיט דפן און רויטע שער-בלעטער. איצט איז ר׳ בינוש אַריין אין אַ גרויסער שטוב, אַן אָנגעמושבטע, אַ שוואַרצע און ס׳איז דאָ געשטאַנען אַ שווערער ריח פון סמאָלע און עפּעס גרויסשטעטישס-עסנדיקס. אויף דער פּאָדלאָגע זענען געלעגן קיילעכיקע באָלן און קאַסטנס, צוויי מאַשינען האָבן גערוישט, גרויסע רעדער האָבן זיך געדרייט מיט אַ פּיפּעריי און זשוזשעריי, עטלעכע פאַרריסטע יונגען אָן די היטלען, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, זענען געשטאַנען אינדערהייך, געלייגט שטיקער פּאַפּיר און געזונגען מיט גוייִשע קולות. אַ פּאַרשוין אין אַ בלאָ פאַרטעך און מיט אַ געלן קאָפּ איז צוגעקומען, געזומען עפּעס פרעגן און ר׳ בינוש האָט אָנגעשטעלט אַן אויער ווי אַ טויבער, פון צעמישטקייט — געשאָקלט דעם קאָפּ אינדערברייט.

— העז בית-הדפוס יאַקאָבי!.. כ׳הער נישט!.. איך בין דער ביאַלאָדרעוו...

דער פּאַרשוין האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט צו די יונגען, עפּעס האָט געטון אַ סקריפּע און אַ קוויטש צוזאַמען און פלוצלינג איז שטיל געוואָרן. אַזוי פלעגט מען אַמאָל אָפּשטעלן די מיל פאַר פסח, בעת ר׳ בינוש איז צוזאַמען מיטן דיין געקומען צו-פאַרן כשרן און זוכן אַ חשש-חימוץ צווישן די לאַנגע לעדערנע פּאַסקעס און אויף די גראָע, מעכטיקע מילשטיינער. ר׳ בינוש האָט אָנגענומען ביי דער באָרד און געזאָגט אַ ווערטל.

— לא ברעש ה׳... איז דאָ איצט דער מדפּיס... יאַקאָבי?

— וואָס פאַרא יאַקאָבי? דער יונגער צי דער אַלטער?

— אַ? אוודאי דער אַלטער? — האָט ר׳ בינוש געשמייכלט, ווי אַלעמאָל בעת ער רעדט מיט מענטשן, וואָס זענען אינגאַנצן אַריינגעטון אין פרנסה און ס׳ברענט אויף זיי די הויט. — ר׳ אהרן בר׳ יהודה יאַקאָבי... וואָס האָט געדרוקט דעם צמח אפרים...

די מאַשינען האָבן ביידע אויף איינמאָל אָנגעהויבן גיין. דער פּאַרשוין מיטן בלאָען פאַרטעך האָט אָנגענומען דעם רב ביים עלנבויגן, אים גענומען גיך פירן דורך אַסך שטובן. אומעטום האָט געקלאַפּט און געזאָטן, קענען שיין פון טאָג האָבן געלויכטן לעמפּלעך, אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געהאָנגען אין דער לופט. מענטשן האָבן אַריינגערעדט אין די ווענט, אַרומגעלאָפן מיט גרויסע בויגנס פּאַפּיר,



געשריגן אַלע צוזאַמען. אין אַ לעצט זייטיק שטיבל איז געשטאַנען ביי אַ שטענדער אַן אַלט יידל, אַ הייקערל, מיט אַ קליין שיטער פעפערדיק בערדל און אין אַ האַלב-זיידן יאַרמלקעלע אויפן קאָפּ. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ קורץ ריפּסן רעקל, געהאַלטן אין דער לינקער האַנט אַ קיילעכיק פאַרגרעסער-גלאָז, דורך וועלכן ער האָט ערגעץ אַריינגעקוקט. פאַר אים איז געלעגן אַ גרויסער רויטער עפּל. נאָך איידער ר׳ בינוש האָט רעכט אַרויסגעזאָגט, וואָס ער וויל, האָט דער אַלטער אַ מורמל געטון אין אַ שאַרפן ליטוויש:

— יע... כ׳ווייס... כ׳דערמאָן זשיך...

— ביי אייך זענען אַרויס מיינע דריי חיבורים. — האָט ר׳ בינוש געזאָגט און זיך אומגעקוקט אויף אַ שטול. — דער שער-יהודה, אפיקי מים און דער נחל-ערבים... כ׳מיין עס קענגן דעם: דער זון מיינער, ר׳ נתן, איז לא עליכם...

דאָס הייקערל האָט פון ערגעץ אויסגעקראַצט אַ נידעריק בענקל, אָנגעוויזן מיט אַ פינגער צו זעצן זיך, אַ לעצטן קוק געטון אויפן שטענדער און איבער עפּעס אַרויפגעלייגט אַ קלעקער, ווי אַן עירוב. אויף זיין שפּיציקער נאָז האָט זיך אָנגעהאָנגען אַ בייז ווייסנדיק שמייכעלע, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַ ניס צו טון.

— אין יענע צייטן, רב, דאַרף מען פאַרגעסן!.. ניטאָ היינט יענע צייטן!..

— מ׳דרוקט שוין נישט מער קיין ספרים אין וואַרשע? — האָט ר׳ בינוש נאָך אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו זאָגן אַ גלייכווערטל. — בטל געוואָרן?..

— יע. מיר האַלטן אפילו ניט קיין רס״י-סריפט! — האָט דער זקן גערעדט מיט אַ סין און שטרענג אַ פאַרשטעק געטון די קליינע שטיפע הענט אין די קעשענעס פון זיין רעקל, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַוועקצוגיין. — אָט וואָש מען דרוקט היינט... נאַט!..

דער אַלטער האָט אַ נעם געטון פון פענצטער אַ צעקנייטשט פּאַפּירל, אַ קאָרעקטע, דערלאַנגט דעם רב. ר׳ בינוש האָט אינדערגיך איבערגעלייענט עפּעס אַ שיר אויף עברי-טייטש, נישט רעכט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס, איבערגעדרייט עס אויף דער צווייטער, ליידיקער, זייט און דאָרט לאַנג איינגעקוקט זיך,

ווי ער וואָלט דאָ געזוכט אַ מין פאַרהוילענע, אומאָנגעזעענע שריפט. דער שטערן זיינער איז אויף איינמאָל קירצער געוואָרן.

— הע־הע, אַזוי גאָר... ג—נו!..

ר׳ בינוש איז אויפגעשטאַנען, אומגעקוקט זיך אַזוי, ווי ער זאָל זוכן די טיר, תיכף גענומען צוקנעפּלען דאָס פוטער. דער רב איז פּלוצלינג שטאַרק אין כּעס געוואָרן, פון צעטומלטקייט אַ כאַפּ געטון דאָס פּאַפּירל און עס פאַרשטעקט אין קעשענע. די באָרד זיינע האָט אַן אייניציקן ציטער געטון, און ער האָט זיך אַ לאָז געטון גיין אויף צוריק אַזוי האַסטיק און גיך, אַז ר׳איז שיער נישט געפאַלן צווישן די צעבויגענע רייפן, וואָס האָבן זיך דאָ געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע. ר׳ בינוש האָט פון דער העלער הויט ווידער דערשפירט אין זיך דעם אַמאָליקן ביאַלאָדרעוונער, דעם קפדן, וואָס האָט געפירט מחלוקת מיט צוויי מדינות רביים.

— ר׳ ייד! — האָט ער אַ געשריי געטון, — ס׳האַלט נאָך נישט אַזוי שלעכט מיט דער תורה! ג־ב־גיין!..

---

באַלד נאָך שבת איז ר׳ בינוש אַהיימגעפאָרן. ער האָט אין זיין גרויסן סעפעט צוריקגעפירט אַלע כתבים, פאַרשטופּט דאָרטן אַ לעדערנעם קרבן־מנחה־סידור, אַ מתנה פאַר דבורהן, און אַ פּאָר רבינו תמס־תפילין. דער וועג צוריק איז געווען אַ שווערער. אייז־קאַלטע ווינטן האָבן אָנגעיאָגט טרוקענע בערגער שניי אויף די פעלדער, אָפּגערוימט גרין־אָפּגעקראָכענע פאַריעריקע לאָנקעס, פאַרשיט די וועגן. די לבנה איז געשטאַנען שפּעט אין טאָג אַריין, אויסגעזען, ווי אָפּגעשפּיגלט, און איבער אַלעמען איז געלעגן אַ בלאַלעכע שאָטנדיקע טונקלקייט, ווי אין אַ ליקוי־חמה. ר׳ בינוש איז געזעסן אַ פאַרהילטער און האָט געדרימלט, פלעגט זיך אַלעמאָל אויפכאַפּן, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, פאַרשטעקן די האַנט אין בוזעם־קעשענע און אַרויסנעמען די האַלב־אָפּגעמעקטע קאָרעקטע מיטן שיר. ר׳ בינוש האָט אַ האַלב־פאַרשלאָפענער געשאָקלט זיך איבער דעם פּאַפּירל, לאַנג און מיט פאַרצויגענע ברעמען אַריינגעקוקט, ווי ער וואָלט געציילט יעדעס אות... צו זיין הויז אין ביאַלאָדרעוונע איז



ר׳ בינוש פאַרפאָרן אינמיטן דער נאַכט. ער האָט קיינעם נישט אויפגעוועקט, איז שטילערהייט אַריין צו זיך אין בית־דין־שטוב, האָט דאָס ערשטע מאָל פאַרגעסן צו פאַרריגלען הינטער זיך די טיר. דער בייכיקער ליימענער אויוון איז געווען נישט־געהייצט און קאַלט. די שוועבעלעך זענען נישט געלעגן אויפן אָרט. ר׳ בינוש האָט זיך אויסגעטון, געזאָגט קריאת־שמע וואָרט ביי וואָרט, ווי ער וואָלט עמעצן דערציילט... קעגן שטאַרקן פראָסט, וואָס האָט געכאַפּט אַ שטיק פאַרטאָג, האָט אין דער פינצטער געקרעכצט דער דאַך איבערן קאָפּ, אַ ווינט האָט זיך אַרומגעטראָגן אין שטוב און צווישן די לאָדן האָט עפּעס געפּאָרקערט זיך און געקראַצט, ווי אַ פלעדערמויז... צומאָרגנס אינדערפרי, ווען די אַלטע דבורה איז געקומען אויפרוימען, האָט זי אין שלאָף־שטוב געטראָפן דעם רב האַלב־זיצנדיק אין בעט, אָנגעשפּאַרט אויף דריי קישנס, אינעם גרויסן טלית־קטן מיט די ברייטע שוואַרצע פּאַסן. צום פּייכטן געלן שטערן מיט די טיפע ווינקלען איז געשטאַנען צוגעקלעבט אַ פליג. איין אויג איז ביי אים געווען קיילעכיק־אויפגעריסן און גלעזערן־ווייס, ווי פון אַ לעצטן פחדימדיקן בליק...